**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/23/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

## גאווערנער האָקול אנאנסירט 65 מיליאן דאלער צו באקומען אין פעדעראלע עמערדזשענסי היים הייצונג הילף

***צווייטע רונדע עמערדזשענסי היים הייצונג הילף צו באקומען פאר אנגעשטרענגטע הויזגעזינדער וועלכע שטייען אויס הייצונג עמערדזשענסיס גלייכצייטיג מיט אן אויפשטייג אין ענערגיע קאסטן איבער'ן סטעיט***

***איבער 25 מיליאן דאלער אין עמערדזשענסי הילף אויסגעטיילט זינט יאנואר 3***

***סטעיט אגענטורן זעצן פאר ווייטער שטארקע פובליק באוואוסטזיניגקייט באמיאונגען צו פארבינדן צוגעפאסטע ניו יארקער מיט הילף***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט אויסגעמאלדן אז 65 מיליאן דאלער אין פעדעראלע געלטער בלייבט ווייטער גרייט אויף ארויסצוהעלפן נידעריג און מיטלמעסיג-פארדינענדע ניו יארקער אויף אויסצומיידן דאס אפשטעלן אדער אויסניצן אינגאנצן זייערע הייצונג קוועלער אין אזא צייט וואס ברענשטאף פרייז העכערונגען. דער היים ענערגיע הילף פראגראם, וואס ווערט אנגעפירט דורך דער סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף, נעמט יעצט אן עמערדזשענסי בענעפיט אפליקאציעס פאר אזעלכע ניו יארקער וועלכע האבן שוין אויסגעניצט זייערע רעגולמעסיגע בענעפיטן און עמערדזשענסי בענעפיטן און שטייען יעצט אויס א הייצונג עמערדזשענסי.

"ענערגיע פרייזן זענען געשטיגן גאר הויעך, לייגנדיג א ריזיגע עול אויף אנגעשטרענגטע ניו יארקער וועלכע מוטשען זיך צו באצאלן זייערע ענערגיע בילס דורכאויס די קאלטע ווינטער חדשים," **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** "מיט בלויז א פאר וואכן איבערגעבליבן אין דעם ווינטער וועט די צווייטע רונדע עמערדזשענסי הילף צושטעלן קריטיש-וויכטיגע פארלייכטערונג פאר נידעריג און מיטל-מעסיג פארדינענדע הויזגעזינדער, צו העלפן נויטבאדערפטיגע ניו יארקער ווען די טעמפעראטורן פאלן צו פראסטיגע שטאפלען."

איינקונפט קוואליפיצירנדע הויזגעזינדער וועלכע האבן שוין אויסגעניצט די פאראנענע רעגולמעסיגע HEAP בענעפיטן און די ערשטע עמערדזשענסי בענעפיטן קענען יעצט זיך ווענדן פאר א צווייטער רונדע הילף, אויפ'ן תנאי אז זיי שטייען אויס א הייצונג יוטיליטי אויסלעש, אדער דאס אפהאקן פון עלעקטרישע יוטיליטי סערוויס וועלכס וועט אפעקטירן זייערע הויפט הייצונג אויסריכטונגען. אויך קוואליפיצירן יענע הויזגעזינדער וועלכע האבן אויסגעניצט זייער הייצונג ברענשטאף סופליי אדער האבן ווייניגער ווי א פערטל טאנק אויל, נאפט אדער פראפאן; אדער האבן ווייניגער ווי א 10-טאגיגע מאס פון אנדערע הייצונג ברענשטאף.

פארלאנג פאר הייצונג הילף דורך HEAP איז געווען גאר הויעך ביז אהער אין דעם ווינטער סעזאן. איבער 1.4 מיליאן רעגולמעסיגע בענעפיטן פאר א סה"כ פון 212 מיליאן דאלער זענען ארויסגעגעבן

געווארן זינט דער פראגראם האט זיך געעפנט אין אקטאבער, מיט נאך 28,000 עמערדזשענסי בענעפיטן אין סה״כ פון 25 מיליאן דאלער צוגעשטעלט זינט יאנואר 3.

**OTDA קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** ״מיט דעם אנגייענדן פארלאנג פאר HEAP איז נישט קיין שום פראגע מער אז א גרויסע צאל ניו יארקער מוטשען זיך צו הייצן זייערע וואוינונגען דעם ווינטער. מיט מוטיגן אלע בארעכטיגטע ניו יארקער אויסצוניצן דעם וויכטיגן פראגראם כדי צו האלטן זייערע וואוינונגען גענוג אנגעהייצט ביז דער ווינטער וועטער וועט נאכלאזן.״

**פובליק סערוויס קאמיסיע פארזיצער ראָרי עם. קריסטיען האט געזאגט,** ״איך אפלאדיר גאווערנער האוקול פאר איר אנטשלאסנקייט צו העלפן קאנסומערס וועלכע שטייען אויס שטייגנדע ענערגיע פרייזן צו הייצן זייערע וואוינונגען. די פינאנצירונג קומט אין א קריטישע צייט פון דעם יאר. דער ווינטער איז נאכנישט פאריבער, און אזוי אויך די הויכע ענערגיע בילס, און די דאזיגע הילף וועט גיין א וויטן וועג צו העלפן נויטבאדערפטיגע קאנסומערס.״

**ניו יארק סטעיט ׳אפיס פאר עלטערנדע׳ אמטירנדע דירעקטאר גרעג אלסען האט געזאגט,** ״די נייע רונדע עמערדזשענסי הייצונג הילף איז העכסט-נויטיג פאר עלטערע מענטשן און אלע ניו יארקער וועלכע זענען אנגעוויזן אויף באשטימטע איינקונפט און מוטשען זיך מיט די הויכע פרייזן פון האלטן אנגעווארעמט זייערע היימען דעם ווינטער. איך אפלאדיר די גאווערנער׳ס אנגייענדע און פעסטע באמיאונגען צו העלפן נויטבאדערפטיגע ניו יארקער זיך צו קענען באצאלן פאר זייערע נויטיגע געברויכן. אויב איר אדער א נאענטע און באליבטע האבן שוועריגקייטן צו באצאלן פאר הייצונג, ביטע זייט בקשר נאך היינט פאר הילף.״

**סענאטאר טשאַק שומער האט געזאגט,** ״די 65 מיליאן דאלער אין פעדעראלע עמערדזשענסי היים הייצונג הילף וועט פארזיכערן אז ניו יארקער פאמיליעס און עלטערע מענטשן וועלכע מוטשען זיך צו באצאלן די בילס דורכאויס דער פאנדעמיע ווערן נישט איבערגעלאזט אינדרויסן אין די קעלט. איך בין שטאלץ צו האבן געדרוקט די פעדעראלע רעגירונג זיי צו מוטיגן צו ליפערן די עמערדזשענסי הילף צו האלטן עלטערע מענטשן און פאמיליעס ווארעם און אפגעהיטן אין זייערע היימען.״

**סענאטארקע קירסטען דזשיליברענד האט געזאגט,** ״אזוי ווי ענערגיע קאסטן האלטן אין איין ווייטער שטייגן זענען צופיל ניו יארקער אומפעאיג צו באצאלן זייערע הייצונג און ענערגיע בילס. מיר מוזן טון מער צו פארזיכערן אז יעדער האט צוטריט צו פארלעסליכע, צוגענגליכע, און א גענוגנדע מאס הייצונג. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול׳ס ארבעט צוצושטעלן די געלטער און איך מוטיג די אלע וועלכע נויטיגן זיך אין הילף זיך צו ווענדן פאר דער היים ענערגיע הילף פראגראם ווי פריער מעגליך. איך וועל ווייטער קעמפן פאר שטארקע פעדעראלע LIHEAP געלטער זיכער צו מאכן אז אונזער סטעיט איז אויסגעריכטעט אויף צו שטיצן ניו יארקער דורכאויס דעם ווינטער.״

**קאנגרעספרוי איוועט קלארק האט געזאגט,** ״עס איז נויטיג אז יעדע ניו יארקער האט צוטריט צו זיכערע קוועלער פון הייצונג דורכאויס די קאלטע ווינטער חדשים. א דאנק די פירערשאפט געגרונדעט אין מענטשהייט פון דער האוקול אדמיניסטראציע איז 65 מיליאן דאלער אין הילפס-מיטלען איז יעצט דא צו באקומען אויף צו פארזיכערן אז נידעריג און מיטל-מעסיג פארדינענדע פאמיליעס דארפן נישט אויסשטיין שוועריגקייטן פון שטייגנדע עלעקטרישע אדער גאז בילס. די געלטער וועלן צוריקהאלטן שטייגנדע קאסטן פאר מענטשן וועלכע נייטיגן זיך אין די שטיצע, און האלטן זייער הייצונג אין פונקציאנירונג ווען נויטיג. און, די לאנג-גרייכנדע ווירקונגען פון די עמערדזשענסי הילף מיינט אז פאמיליעס וועלן זיין זיכער בייינאכט, און איך בין באמת דאנקבאר דערפאר. דורך די סארט פינאנצירונג און לעגיסלאציע ווי מיין ׳זיכערע הייצונג אקט׳ פארזיכערן מיר די רעכט פון יעדע ניו יארקער צו האבן זיכערע הייצונג אין זייערע היימען.״

**קאנגרעסמאן פאול טאנקא האט געזאגט,** ״עס איז העכסט-נויטיג אז מיר שטיצן אונזער מערסט באדערפטיגע שכנים און מאכן זיכער אז יעדער האט צוטריט צו א ווארעמען, זיכערן היים ווילאנג דער ווינטער האלט ווייטער אן. דער היים ענערגיע הילף פראגראם איז א קריטיש-וויכטיגער הילפס-מיטל פאר אונזערע קאמיוניטיס און איך בין שטאלץ געווען צו ליפערן נויטיגע שטיצע פאר דעם פראגראם און פילע אנדערע אין אונזער ׳אַמעריקען רעסקיו פלען׳. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול פאר איר ארבעט צו שטיצן ניו יארקער דורכאויס דעם ווינטער און אויף ווייטער.״

**קאנגרעסמאן קעטלין רייז האט געזאגט,** ״די ערשטע רונדע פון דער עמערדזשענסי היים הייצונג הילף האט געהאלפן אזוי פיל ניו יארקער דעם ווינטער, אבער אזוי ווי געשטיגענע ענערגיע קאסטן האלטן אן ווייטער שטייען אויס פילע פאמיליעס ווידעראמאל א הייצונג עמערדזשענסי. איך בין דאנקבאר אז הויזגעזינדער אויף לאנג איילענד און לענגאויס דעם סטעיט וועלן ווייטער באקומען די נויטיגע שטיצע כדי אז קיינער ווערט נישט איבערגעלאזט אינדרויסן אין די קעלט.״

**קאנגרעסמאן עדריאנא עספיילאט האט געזאגט,** ״אזוי ווי מיר מאכן מיט ווייטער שטייגנדע ענערגיע פרייזן, איז העכסט-נויטיג אז מיר ארבעטן אינאיינעם צו פארזיכערן אז יעדע ניו יארקער האט צוטריט צו צוגענגליכע היים הייצונג. נישט גענוג הייצונג שטעלט אין געפאר די געזונט פון פאמיליעס און קען פירן צו פאטענציעלע אומזיכערע הייצונג לייזונגען ווי צ.ב.ש. ספעיס הייצער וועלכע קענען זיין גאר מסוכן׳דיג און קענען קאסטן לעבנס. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול פאר די היינטיגע אויסמעלדונג וואס אלאקירט די פעדעראלע געלטער צו פארזיכערן אז פילע ניו יארקער האבן די עמערדזשענסי הילף אין וועלכע זיי נויטיגן זיך און וואס קומט זיך זיי.״

אויף צו זיין בארעכטיגט, מוזן אפליקאנטן נאכקומען די HEAP בארעכטיגקייט תנאים און איינקונפט אנווייזונגען, וועלכע ווענדן זיך אין די צאל הויזגעזונד מיטגלידער. צום ביישפיל, א פאמיליע מיט פיר מיטגלידער מעג האבן א מאקסימום בעפאר-שטייער חודש׳ליכע איינקונפט פון 5,249 דאלער אדער יערליכע איינקונפט פון 62,983 דאלער.

פאראיאר אין הערבסט האט דער ניו יארק פובליק סערוויס קאמיסיע פאראויסגעזען אויפשטייגונגען אין סופליי פרייזן דעם ווינטער, מיט א שארפע אויפשטייג אין פרייזן פון נאטורליכע גאז — וועלכס ווערט געניצט סיי אויף צו הייצן היימען און שאפן עלעקטריציטעט — און צומאל מער ווי טאפלט די קאסטן פון סופליי שטאנדטייל פון קאסטומער עלעקטרישע און / אדער נאטורליכע גאז בילס. די העכערונגען אין בילס ווערן געטריבן דורך א גלאבאלער אויפשטייג אין נאטורליכע גאז קאמאדיטי פרייזן צוליב העכערע אינלאנדישע באניץ אלס רעזולטאט פון קעלטערע וועטער ווי געוועגטליך, געשטיגענע עקאנאמישע אקטיוויטעט און געשטיגענע אינטערנאציאנאלע פארלאנג פאר נאטורליכע גאז.

אין אפרוף צו די פאראויסגעזענע אויפשטייג אין ענערגיע פרייזן, איז די עמערדזשענסי בענעפיט סומע פער הויזגעזינד געהעכערט געווארן מיט ווייניגסטנס 32 פראצענט, און איבער 42 פראצענט, זיך ווענדנדיג אין די סארט הייצונג ברענשטאף וואס ווערט געניצט דורך דער הויזגעזינד. דער צייט אפשניט פאר סיי די רעגלמעסיגע און סיי עמערדזשענסי בענעפיטן איז אויך פארלענגערט געווארן ביז אפריל 29.

אין אקטאבער 2021 האט גאווערנער האוקול אויסגעמאלדן 373 מיליאן דאלער פאר היים הייצונג הילף ארויסצוהעלפן ניו יארקער דורכאויס קאלטע וועטער חדשים, און זינט יאנואר 3, 2022, איז אויסגעטיילט געווארן איבער 25 מיליאן דאלער אין עמערדזשענסי הילף פאר ניו יארקער. דעם פעברואר האט גאווערנער האוקול אנאנסירט אז 65 מיליאן דאלער אין פעדעראלע געלטער בלייבט ווייטער צו באקומען אויף צו העלפן ניו יארקער מיט נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפט אויסצומיידן זייערע היים הייצונג פון ווערן אפגעהאקט אדער זייערע הייצונג קוועלער אויסגעלאפן אין א צייט פון ברענשטאף פרייז אויפשטייגונגען אין דעם דריטן חודש פון ווינטער.

אין צוגאב האט גאווערנאר קעטי האוקול נאך אין נאוועמבער אויפגעשטעלט א דיגיטאלע מידיע קאמפיין געצייגנט אויף צו באקאנט מאכן מענטשן איבער די פארשידענע סטעיט פראגראמען וועלכע זענען פראן צו באקומען פאר ניו יארקער וועלכע מוטשען זיך צו באצאלן הייצונג און יוטיליטי אויסגאבן כדי צו פארמיידן פאטענציאלע סערוויס שטערונגען דורכאויס די קאלטע ווינטער חודשים. דער קאמפיין גיבט אויך עצות און טיפס און בעסטע פירונגען צו העלפן זיך ספראווען מיט די הויכע הייצונג קאסטן וועלכע זענען העכער ווי געווענטליך.

אפליקאציעס פאר הילף ווערן אנגענומען ביי ארטיגע דעפארטמענטס פון סאָושעל סערוויסעס פערזענליך אדער דורכ׳ן טעלעפאן, און די געלטער ווערן צוגעטיילט לויט ווער עס קומט אן ערשט. א ליסטע פון ארטיגע אפיסעס לויט דער קאונטי קען מען געפונען דא. איינוואוינער אינדרויסן פון ניו יארק סיטי קענען זיך אויך ווענדן דורכ׳ן אינטערנעט פאר רעגלמעסיגע הייצונג הילף בענעפיטן. ניו יארק סיטי איינוואוינער קענען דאַונלאָודען אן אפליקאציע און באקומען פראגראם אינפארמאציע דא.

זינט דעם הערבסט, פירט אויס דער סטעיט׳ס דעפארטמענט פון פובליק סערוויס ארויסזוך-באמיאונגען צו ווארענען דעם פובליק איבער פאראויסגעזעענע קאסטן אויפשטייגונגען דעם ווינטער. אין דעם פארלאפענעם מאנאט האט דער אגענטור דורכגעפירט א ריי ווירטועלע ווארקשאָפּס מיט אנדערע סטעיט אגענטורן צו פארעפנטליכן פינאנציעלע הילף פראגראמען ווי צ.ב.ש. HEAP; יוטיליטי ענערגיע צוגענגליכקייט פראגראמען; ווערטעריזאציע מאסנאמען; און אנדערע שריטן וועלכע קאנסומערס קענען נעמען אויף צו זיין ענערגיע-שפּאָרעוודיג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418